ש. ל. שמועלסאן

M
A-23947

# משלים

פארלאג „ביכער פאר אלעמען" ריגע

צ/ל. שמואל-וויל

פ. ב. אליעזר פײַנבערג

19.11.1935

MA-23947

ש. ל. שמועלסאן

# משלים

KORPORATSIOON LIMUVIA TARTU
162F

פארלאג „ביכער פאר אלעמען" ריגע

אילוסטרירט פון ל. באַטווינקין.

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

# דער וועקער און דער האָן.




'האָט אין אַ גאוהדיקן טאָן
געזאָגט אַמאָל דער וועקער צו דעם האָן:
„נישט דו וועקסט איצט פון שלאָף,
עס איז אַ סוף
צו דיין באַרוף געקומען —
אַצינד האָב איך
די הענערשע פּראָפּעסיע איבערנומען.
איצט קאָנסטו, ברודער, שטומען —
צייט אָפּצורוען זיך."
„עס זיינען אויך אַף דיר, געוויס, פאַראַן בעלנים
— געענטפערט האָט דער האָן אים —,
נאָר זעסטו נישט אַפּנים,
אַז צווישן דיר און מיר
איז פאָרט דער חילוק גרויס:

עס איז נאָך נישט אַרויס
די זון אַף איר שפּאַציר,
שוין שאַלט מיין ליד, מיין הילכיק-פרייער רוף,
ווייל דאָס בין איך, דער האָן,
דער וועקער פון באַרוף;
דו אָבער גרילצט נאָר דאַן, אויב עמיץ ציט דיך אויף,
און דרייט מען דיך נישט אָן,
איז אויס דאַן מיט דער גדולה...
דו ביסט דאָך, גולם, גלאַט
אַן אווטאָמאַט
און ווערסט פון צייט צו צייט מבולה.״

1932



# דער האָן און דער קאַנאַריק.



עס האָט דער האָן, דער תאוהדיקער יאַט,
מיט קערנדלעך זיך אָנגעפּיקט צוזאַט
און טוט א שפּרייז
צום פענצטער, ווו פון דראָטענעם געהייז
עס האָט
א קליין קאַנאַריק גראָד
צעגאָסן זיך אין טענער,
און זאָגט אים מעשה קענער:
„דו זינגסט געוויס
מתיקותדיק און זיס;
קיין וווּנדער, וואָס
— מאַכט ער צו אים מיט תמימות —
עס ווערט דיין באַלעבאָס
נישט נמאס
זיך צוצוהערן שעהנלאַנג
צו דיין געזאַנג;

אויך נישט אומזיסט געפעלן
אים זיינען דיינע טרעלן.
און דאָך, מיין ליבער פריינד, איז אין נגינה
פאַראַנען צווישן מיר
און דיר
א גרויסע נפקא-מינה:
ס׳איז שוואַך דיין שטים און קליין
(זיי מוחל מיר — איך זאָג נאָר וואָס איך מיין),
עס איז דיין קול א שיטערער, א דינער;
מאַך איך אַן אויגל צו
און זינג „קוקערעקו״ —
דערשיטערט ווערט
די ערד,
און ס׳ציטערן די הינער.
אין מיין געקריי דערטרינקט
דיין ליד מיט אירע טרעלן און ניגונים,
אַזוי ווי עס פאַרזינקט
א פולער עמער אין אַ טיפן ברונעם.״

ס׳האָט דאָס קאַנאַריקל געענטפערט אים:
„באַרים,
באַרים זיך מיט דיין שטים —
דערמיט,
וואָס עס פאַרהילכט דיין קול
מיין ליד.
דו גאוהדיקער האָן! ווי נעבעך שמאָל
און פלאַך בײַ דיר דאָס קעפל:
האָסט נישט געזען, צי נישט געהערט דערפון,
אַז עס פאַרדעקט אַמאָל
דער מינדסטער נעפל
דעם גרעסטן ליכט, און לעבנסקוואַל — די זון.״

1930



# דער יושרדיקער וואָלף.



'האָט אין א שטאַל א וואָלף פאַרקליבן זיך.
אַרויסגעכאַפּט א שעפּעלע אַף גיך
און עס פאַרצוקט אין וואַלד כהרף-עין;
דערנאָך
זיך אויסגעצויגן אַפן מאָך
די סעודה צו פאַרדייען.
גוט אויסגערוט זיך
און באַלד אַוועק
צו הערן וואָס עס טוט זיך.
און אַפן וועג
א וואָלף דערזעט ער,
וואָס לאָקערט גראָד,
עס זאָל
א שעפּעלע אָט-אָט
אַראָפּ פון באַרג אין טאָל,
וואָס ווייטער פון דעם פאַסטעך און די הינט,
און זאָגט אים: „פעטער!

נישט האָבן זאָל אַליין,
ווער דיר עס נישט פאַרגינט;
דאָך קאָן איך באין אופן נישט פאַרשטיין,
ווי נעמט זיך נאָר דאָס האַרץ
צו גאַרן נאָך א שעפעלע א צאַרטס...
גיב נאָר א קוק: עס איז דאָך נאָך א קינד!
ווי זיס,
ווי חנעוודיק עס איז!
און זאָלן יונגערהייט
דעם טויט
אים ברייגגען דיינע ציין ?!
ניין, ניין,
עס לייגט זיך דאָס בא מיר ניט אָפן מוח —
צי קאָן א וואָלף דען זיין אַזא רוצח ?!"
„ווי שיין דו רעדטסט,
נאָר חוזקסטו און לצסט,
דו צביעותדיקער רשע
— רייסט איבער אים דער אַנדערער די דרשה —,
גלויב, קרוב, איך האָב גוט
צו דיר זיך צוגעקוקט,
און ס'איז מיר קשה,
וואָס עפּעס איז די פעל בא דיר נישט ריין...
איך זע דאָרט בלוט...

צי האָסט נישט ערשט אַליין
א שעפּעלע פּאַרצוקט ?
איך עצה דיר זיך גיכער אָפּצוטראָגן
און אַנדערע קיין מוסר נישט צו זאָגן.״

---

אויך צווישן אונדזער מין פאַראַנען פיל,
וואָס ווייט נישט אַלץ בּאַ זיי איז כשר-ריין,
וואָס שעפּעלעך פּאַרצוקן אינדערשטיל
און דאָך פון יושר דרשענען זיי שיין.

1931



# דער פּויער און דער פוקס.



׳איז אין א הויף א פוקס אַריין צוגאַסט
(ער האָט געהאַט א לאַנגע צייט געפאַסט,
און נאָך א הון האָט זיך פאַרבענקט זיין מאָגן).
נאָר אומגעריכט האָט ער זיין פסק געקראָגן:
ס׳האָט אים באַמערקט דער פּויער
און באַלד פאַרשפּאַרט דעם טויער.
ס׳נעמט וואַרפן זיך דער פוקס אַהין, אַהער...
עס ליגן שוין נישט מער
די הינער אים אין זינען —
אים גלוסט זיך בלויז אַנטרינען,
דאָך קאָן ער נישט קיין פרייען וועג געפינען.
דערזען האָט אונדזער פיקסל,
אַז ס׳נעמט דער מענטש אַריין אין האַנט דאָס ביקסל,
און זאָגט צום באַלעבאָס:

„באַקלער נאָר, וואָס,
וואָס קאָן מײַן טויט דיר געבן?
שענק בעסער מיר דאָס לעבן,
לאָז אָפּ מיך אַף דער פרײַ,
בתּנאַי,
אַז דינען זאָל איך דיר דערפאַר געטרײַ
און ברענגען נוץ,
פאַרהיטנדיק דײַן פעלד — דײַן האָב און גוטס —
פון יענע פלינקע הונגעריקע בריות,
וואָס, ווי דו ווייסט, פאַרוויסטן דײַנע זריעות.
עס זאָלן זײַן פון איצט מײַן אײנציק שפּײַז —
נאָר מײַז.
באַקלער דעריבער...״
„דו, וואָס דו ביסט געווען מײַן גרעסטער שונא
— האַקט אים דער פויער איבער —,
קומסט איצט מיט רייד אַזוינע
און ווערסט, בעת איך האָב דיך שוין אין האַנט,
מײַן בעסטער פרײַנד
און מײַן געטרײַסטער דינער...

איך ווייס שוין לאַנג, אַז מ'איז האָסטו נישט פֿיינט;
דאָך איז מיר אויך באַקאַנט,
אַז העלטער נאָך, ר' אורח, האָסטו הינער."
און מיט אַ שאָס
אָוועקגעלייגט האָט אים דער באַלעבאָס.

---

יש אומרים,
אַז מענטשן האַלטן אָפֿט אַזוינע שומרים.

1931



# די דורכגייער און דער הונט.



ס האָבן אויסן שטאָט חברים צוויי שפּאַצירט
און רויִק-שטיל
א שמועס צווישן זיך געפירט.
ס׳פאַלט פּלוצים אָן אַף זיי א הונט מיט א געביל.
מען טרייבט אים און מען יאָגט,
דאָך הערט דער הונט נישט אוף צו בילן און צו ברומען.
ס׳האָט איינער שוין אין האַנט א שטיין גענומען,
נאָר ס׳האָט דער אַנדערער צו אים אַזוי געזאָגט:
„צוואָס דער שטיין?
צי זעסט נישט, אַז דאָס הינטל איז אָן ציין?
און זאָל דער כלב שעהנלאַנג זיך פלייסן
און שיר ניט דעם גרגרת זיך צעררייסן,
קאָן ער דאָך פאָרט נישט בייסן.

אוּן אפשר ווייל זיין בּים קאָן ער נישט לאָזן פילן,
הערט ער נישט אוּף צוּ בּילן...
ניין, ניין,
ס'איז מיט א שטיין
א הוּנט אַזאַ געוויס נישט איינצוּשטילן.
נאָר ווילסטוּ, ער זאָל ווערן לייטיש-פיין,
ער זאָל שוין מער נישט בּילן אוּן נישט בּרוּמען, —
וואַרף, פריינד, אין מויל אים עפּעס וואָס אַריין,
אוּן ער וועט בּאַלד פאַרשטוּמען.״
ווי ס'האָט דער חבר דאָס פאָרויסגעזען,
אַזוי איז אויך געשען.

---

דער נמשל פוּן דער פאַבּל:
עס בּילט אין א פאַרשוין
אָן ציין
דער בּעל-מקבּל.

1931



# פערד.



ס האָבֿן אין א זומערטאָג אַמאָל,
אין דרייען איינגעבֿויגן,
א פור מיט שווערע זעק אָן צאָל
צוויי פערדלעך קוים געצויגן.
היות
עס איז געוועזן היים,
און הויך די פור בֿאַלאָדן,
זיך האָבֿן אין א טייך פון שווייס
די ביידע פערד געבֿאָדן.
נאָר אָט האָט אַף א קורצע צייט
זיי אָפּגעשטעלט דער שמייסער.
„אויך מיר א לייט!
— מיט גאוה שרייט
צום ברוינעם פערד דער ווייסער —

דו לויפסט נאָר מיט
(כ'מוז אָפן דאָס דיר זאָגן),
נאָר ציען ציסטו ניט —
אַליין צי איך דעם וואָגן."
„הער, שוטה, בעסער אויף
— בייז הירזשעט אַף דערויף
דער ברוינער פערד צום ווייסן —
(וויל שיר אים ניט צערייסן).
האָסטו געהערט?
ס'איז פונקט פאַרקערט:
האָסט אונטער מיינע פיס
זיך נאָר געפּלאָנטערט — שרייט ער, —
ס'וואָלט אָן דיר איצט געוויס
געווען דער וואָגן ווייטער."
ס'האָט זיך דער שמייסער צוגעהערט
צו דעם ויכוח פון די פערד
און זאָגט זיי מיט א שמייכל:
„איר זייט נאָר פערד, זייט מוחל!
און ס'איז לויט זיין מהות
אַיעדער סוס
אָן שכל.

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

וואָלט עמיצער פֿון אייך געמוזט
אַליין דעם וואָגן ציען,
וואָלט ער דעם אמת שוין געוווּסט
און אַנדערש גאָר געשריען.
ער וואָלט, גלויבט אַף מיין וואָרט,
דעם וואָגן נישט גערירט פֿון אָרט.״

1925



# דער חזיר און דער דעמב.



עס פֿאַשעט באַ א דעמב א חזיר זיך מיט ניס,
און מיטן שנוק, ווי מיט אַן אַקער-אייזן,
נעמט גראָבן ער די וואָרצלען פֿונם ריז.
„צוערשט הערסטו נישט אוף זיך מיט די ניס צו שפּייזן,
וואָס שיטן זיך פֿון דעמב צו דיר אַראָפּ
— זאָגט אים פֿון בוים א ראָב —,
און איצט שטעלסטו די וואָרצלען אין סכּנה!?
א שיינער דאַנק דעם דעמב פֿאַר דער מתּנה!"
„לאָז אים צורו! — זאָגט צו דעם ראָב דער דעמב —
ס'איז ווי באַוווסט, א חזיר שלעכט און טעמפּ
(עס פּאָרט נאָר זעלטן רשעות זיך מיט שׂכל).
עס שרעקט מיך ניט זיין שנוק, דעם דאַנק בין איך אים מוחל."

1932



# די באַלעבאָסטע און דער האָן.

'איז אין א הויף אַריין א שפּאַרבער נאָך א הון
(גראָד דעמאָלט,
ווען ס'האָבן אין די שטראַלן פון דער זון
די שטוב און דער קאָטוך אַזוי געשמאַק געדרעמלט);
נאָר ס'איז א הענדל אים געפאַלן אין די אויגן,
און פייל פון בויגן
איז ער געשווינד מיט אים אַוועקגעפלויגן.
די באַלעבאָסטע,
אַ יידענע אַ פּשוטע, אַ פּראָסטע,
איז באַלד מיט א געוויין
פון שטוב אַרויסגעלאָפן.
„אָי וויי! אַן אומגליק זיך געטראָפן!
מיין פייגעלע, מיין קרוין!
וואָס איז מיט אים געשען!

אַן אבן־טוב געווען!
אַן אמתער בריליאַנט,
א בראַנד!
ווי חנעוודיק האָט עס געפיקט פון האַנט!
נישטאָ שוין מער דאָס פייגעלע, נישטאָ מער!..."
„גלויב מיר, איך הויב נישט אָן
דיך, מומע, צו פאַרשטיין
— רייסט איבער איר דער האָן
דעם קלאָג און דעם געיאָמער —
צי האָסט נישט היינט אַליין
א הענדעלע געקוילעט?
טאָ וואָס איז דער געשריי?
(די טבע האָט געהאַט
דער יאַט
צו ריידן שאַרף און בולט;)
אויך איז, אויב דו באַקלערסט,
קיין חילוק פאַרן הענדל,
צי פיקט עס עמיץ רוי,
צי בראָט מען עס צוערשט
פאַמעלעך אַף א פענדל.

אוּן אסוּר אויב איך ווייס,
וואָס ערגער אוּן וואָס בעסער:
צי רייסט א שאַרפער שנאָבל אים דאָס פֿלייש,
צי שניידסט אים מיט א מעסער.״

---

איך האָב אַליין
געקענט אַזאַ פּאַרשוין
(נאָך איז דער מין עד־היום נישט פֿאַרשווּנדן),
וואָס לאָזן פֿלעגט א טרער
אַף יענעמס ווּנדן,
ווען ס׳האָט אַן אַנדערער, נישט ע ר,
די הויט פון אים געשוּנדן.

1931



# דאָס קינד און די שלאַנג.



האָט בּאַ אַ קינד געפרעגט אַמאָל אַ שלאַנג:
„וועט איר אַף מיר נאָך שיטן לאַנג
מיט שוועבל און מיט פעך
דערפאַר נאָר, וואָס איך שטעך?"
„איך האָב, זאָגט איר דאָס קינד, געלעזן אין אַ פאַבּל,
אַף וואָס דו בּיסט, דו בּייזע שלאַנג, קאַפּאַבּל:
צי האָסטו ניט — וויל איך דיך טאַקע פרעגן —
פאַרוווּנדעט סתּם
אַ לאַם,
וואָס אַפן גראָז איז רויִק-שטיל געלעגן
און האָט געוויס דיר בּייז טאָן נישט געטראַכט?"
„פאַרוווּנדעט?! כאַ-כאַ-כאַ... האָט זיך די שלאַנג צעלאַכט:
אַ וווּנד איז דאָס געווען? — אַפילוּ נישט אַ לעכל!
אַ פּינטעלע, נישט מער —
איך שווער
דיר בּיי מיין שטעכל."

„אַוועק!
שרייט־אויס דאָס קינד: טראָג, טראָג זיך אָפּ וואָס גיכער,
דו מיאוסער, אַכזריותדיקער קריכער!
עס האָט דאָך פון דעם פינטל, בייזער קלעק,
דאָס לאַם אַף אייביק שוין די פיסלעך אויסגעצויגן.“

---

אַזוי איז שוין א רשע: אַלץ וואָס ער טוט אָפּ
איז קליין אין זיינע אויגן;
כאָטש אָפּגעשניטן האָט ער דיר דעם קאָפּ
און דיר דאָס בלוט אינגאַנצן אויסגעזויגן.

1931





# דער פֿוקס און די שלאַנג.

פֿראַגע האָט דעם פֿוקס די שלאַנג אַמאָל געשטעלט:
„פֿאַרוואָס האָט פֿאָרט מיך פֿיינט אַזוי די וועלט?
איך ווייס: מען שעלט אויך דיך
(דו רויבסט און טויטסט אַף יעדן שריט
און טריט);
דאָך ווערסטו ניט אַזוי געהאַסט ווי איך.״
געענטפֿערט האָט דער פֿוקס: „יאָ־יאָ, עס שעלט
מיך ניט אומזיסט די וועלט;
נאָר גלויב מיר, גלויב:
איך טויט
פֿון נויט, —
צוליב דאָס שטיקל ברויט
ראַבֿיר איך און איך רויב.

דאָך דו —
קוים ליגט נאָר ערגעץ-ווו
וואָס לעבעדיקס אין דרעמל צי אין שלאָף,
שוין שלייכסטו, ווי א שטראָף,
פאַמעלעך-שטיל זיך צו...
שוין רוט
דאָס שטעכל מער בײַ דיר נישט א מינוט
און טריפט
דיין גיפט
באַלד טיף אין בלוט
אַריין
און ברענגט פון העלער הויט
דעם טויט
אין אַנגסטן און אין פּיין.
און זאָל דאָס זיין
א פוקס, א מענטש, א בער,
א קעצעלע, א הון,
א שעפעלע אַן אומשולדיקס א גוטס —
א נפקא-מינה ווער?

דו גיפטיקסט מיט דיין סם
אַזוי־זיך סתם —
נישט האָבנדיק דערפון
דעם מינדסטן נוץ.״

---

מען דאַרף אויך צווישן אונדז נישט זוכן לאַנג
א שלאַנג.

1931



# דער בער און די בין.



ס האָט א שטאָך געטאָן א בין דעם בער אין שטערן.
אַזוי־זיך גלאַט —
קיין שנאה נישט געהאַט
האָט זי צו בערן.
נישט זים,
געווים,
איר בים
(איך טראַכט אפילו נישט, די בין דערפאַר צו לויבן);
נאָר ער,
דער בער,
האָט באַלד אַזאַ געפּילדער אופגעהויבן,
אז ס׳האָט געציטערט פון זיין גוואַלד
דער וואַלד.

„צו אַלדי רוחות זאָלן גיין די בינען!
א בראָך צו זיי, א בראָך!
וואָס טיפער טאָן א שטאָך —
נאָר דאָס ליגט זיי אין זינען.״
„ר׳ בער – זאָגט אים דער קראָט – זיי מוחל, איך געפין,
אַז גאָר אומזיסט שעלטסטו אַזוי די בין.
האַלט, ברודער, איין דיין צאָרן!
עס איז דאָך, ווי איך זע, נישט קלאָר מער דיין זכרון:
פאַרגעסן האָסטו שוין, אַז יענע זיסע שפייז,
נאָך וואָס עס גאַרט, מיין ליבער פריינד, דיין מאָגן,
שאַפט דאָך די ב י ן טאָג-טעגלעך מיט איר פלייס.
און אויב דו האָסט איר האָניק האָלט געקראָגן,
מעגסטו אַמאָל פון איר א שטאָך פאַרטראָגן.״

1932



# די פּאַווע.



'האָט אין א סאָד שפּאַצירט אַמאָל א פּאַווע.
הויך אופגעשטעלט האָט זי
איר פּאָכערדיקן עק,
איר צירונג די טשיקאַווע.
נאָר פּלוצים... סאַראַ שרעק!
לאָזט אין זיין שטאָלצן פלי
אַן אָדלער גיך אַראָפּ זיך אַף דער פּאַווע.
עס ווערט אין סאָד א טומל, א געוויש.
דער גערטנער כאַפּט א ביקס און שיסט וואָס גיכער אויס.
„אַוועק! דו מערדערישער יונג!
ס'האָט קיינער נישט געשיקט נאָך דיר שלוחים!"
זיין קרבן לאָזט דער אָדלער פלינק אַרויס,
טוט זיך א הייב מיט שוונק —
און... זוך אים!

נאָר ס'האָט די פּאַווע זיך צעיאָמערט און צעקלאָגט.
„אָנשטאָט צו גיין א טאַנץ
— פאַרהידושט האָט דער גערטנער איר געזאָגט —,
וויינסטו און קלאָגסט אַצונד!
ס'פּאַרדריסט דיך, וואָס דו ביסט געבליבן גאַנץ,
וואָס פון דעם אָדלערס שלונד
האָסטו געקאָנט אַנטרינען?
צי אפשר גאָר פאַר שרעק ביסטו אַראָפּ פון זינען?
וואָס איז מיט דיר אַזוינס?"
„אָך, אָך! ס'האָט מיר דער רויבער דאָך, זיי וויסן,
א פעדערל א שיינס
פון עק אַרויסגעריסן."

1932

# דער דעמבּ.

(נאָך לעסינג.)



ס האָט אַ שטורעם-ווינט באַנאַכט דעם וואַלד דערשיטערט.
ער רייסט מיט ווילד געבּרויז
אַ ריזנדעמבּ אַרויס,
און בּיימעלעך אַ סך האָט בּאַלד דער שטאַם צעשפּליטערט.
אַף מאָרגן האָט דעם בּוים דערזען אַ פוקס
(ער האָט דעם דעמבּ געקענט, נאָר נישט געמאַכט
האָט ער פון אים קיין וועזן)
און זאָגט: „אָ, סאַראַ בּוים! אָ, סאַראַ וווּקס!
איך האָבּ גאָרניט געטראַכט,
אַז ער איז אַזוי גרויס געוועזן.“

# דער דעמב און דער אַויר.



פון שטורעם-ווינט צעשטערט,

איז שטום א דעמב געלעגן אַף דער ערד.

„דו האָסט דאָך פון דער הויך — זאָגט שפּאָטיש אים זיין שכן —

אַראָפּגעקוקט אַף מיר,

דעם נישטיקן אַויר,

און זע! ס׳האָט ד י ך דער שטורעם איינגעבראָכן.“

„גערעכט! — האָט שטילערהייט

געענטפערט אים דער דעמב אַף זיינע רייד,

דו לעבסט נאָך איצט, און איך ליג אויסגעצויגן —

דאָך האָב איך נישט, ווי דו, אין שטורעם זיך געבויגן.“

1931



# בּערן.



זיין שכן איז א בּער בּאַפאַלן
(אַף יענעמס רויב איז ער געווען א בּעלן).
עס האָט נישט לאַנג געווערט,
און ס'ליגט דער קרבּן שוין א טויטער אַף דער ערד.
געוואָרן איז אין וואַלד א ליאַרעם, אַ געוויין.
ס'האָט זיך פון אַלע לעבער
א שאָט געטאָן א בּערישער המון
צו הערן ווי מען משפּט דעם פאַרבּרעכער.
אין בּית-דין האָט, ווי דאָס איז שוין דער שטייגער,
א פייערדיקן דרוש געהאַלטן דער קטיגור.
„עס איז נאָך נישט אריבּער א מעת-לעת
— געשילדערט האָט דער פּראָקוראָר דעם מת —,
ווי מיט זיין קינד געטאַנצט האָט אונדזער בּער.
און וואָס איז ער אַצינד? א בּר-מינן, נישט מער!

צעשפּאָלטן האָט דעם מערדערס האַנט זיין מוח.
זייט, ריכטער, האַרט און פעסט! א גזלן שוינט מען ניט.
באַשטראָפט פאַר טויט מיט טויט דעם מערדער, דעם רוצח!
רייסט מיטן וואָרצל אים אַרויס פון אונדזער מיט!
באַווייזט פאַר גאָרער וועלט, אַז איר זייט ריכטער,
און משפט שטרענג און ניכטער!
קיין אויער פאַר א זיפץ, קיין אויג נישט פאַר א טרער!
געדענקט, אַז הייליק איז דאָס לעבן פון א בער."
עס ענדיקט דער קטיגור,
און ס'האַלט אַצינד זיין רעדע דער סניגור:
„עס האָט דער בער זיין חברס בלוט פאַרגאָסן,
און כאָטש עס האָט דערנאָך אים דאָס פאַרדראָסן,
האָט ער, געוויס, די האַרבסטע שטראָף פאַרדינט;
דאָך האָט אויך ער — פאַרגעסט דאָס נישט! — א קינד...
(נישט זיבער אין דערפאָלג,
גערעדט האָט דער סניגור דיפּלאָמאַטיש)
נאָר איז ער א סכנה פאַרן פאָלק, —
פאַרשפּאַרט אים הינטער גראַטעס!"

„און דאָס איז גאָר?
— שרייט-אויס דער פּראָקוראָר —
הערט, ריכטער, זיך ניט צו צו זיינע רייד די זיסע!
ס'איז דאָך פאַר מאָרד קיין שטראָף נישט — תפיסה!
עס קומט דעם מערדער מיתה!"
ס'האָט דער סניגור נאָך גערעדט ביז האַלבער נאַכט.
און גראָד
בעת אין זיין באַגינענדיקער פּראַכט
אַרויסגעשוווּמען איז דער פייערדיקער ראָד
און מיט זיין מילדן שיין צעשפּילט זיך און צעשטראַלט
און איינגעטונקט דעם וואַלד
אין צאַרטן פרישן רויט, —
פאַרמשפּט איז געווען דער בער צום טויט...
מיט אויסגעשטרעקטע הענט
האָט דאַן א ריכטער זיך אַזוי צו אים געווענדט:
„דו קאָנסט שוין צו דיין סוף
זיך גרייטן!
פאַרדינט האָסטו די שטראָף —

עס טאָר א בער דעם אַנדערן נישט טויטן.
דאָך דו האָסט זיך דערוועגט...״
(נעמט אים דער ריכטער דעם פּסק-דין דערקלערן)
„און א י ר, איר מ ע ג ט ?
האָט מיט א דונער-שטים די ריכטער ער געפרעגט, —
זייט איר דען נישט קיין בערן ?״

1932



# דער טיגער און דער הירש.



עס רירט נישט אָן דעם הירש דער טיגער מיט די ציין.

נאָר אים אַליין

שוינט ער פון אַלע רינדער.

האָט ער אים אַזוי ליב? ניין, ניין! —

עס לויפט דער הירש פון אים א סך געשווינדער.

1932



# אינהאַלט.


דער וועקער און דער האָן . . . . . . . . . . זייט 3

דער האָן און דער קאַנאַריק . . . . . . . . . „ 5

דער יושרדיקער וואָלף . . . . . . . . . . . „ 8

דער פויער און דער פוקס . . . . . . . . . . „ 11

די דורכגייער און דער הונט . . . . . . . . . „ 14

פערד . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 16

דער חזיר און דער דעמב . . . . . . . . . . „ 19

די באַלעבאָסטע און דער האָן . . . . . . . . „ 20

דאָס קינד און די שלאַנג . . . . . . . . . . „ 23

דער פוקס און די שלאַנג . . . . . . . . . . „ 25

דער בער און די בין . . . . . . . . . . . „ 28

די פּאַווע . . . . . . . . . . . . . . . „ 30

דער דעמב . . . . . . . . . . . . . . . „ 32

דער דעמב און דער אַאיר . . . . . . . . . . „ 33

בערן . . . . . . . . . . . . . . . . . „ 34

דער טיגער און דער הירש . . . . . . . . . . „ 38



Tip. „Splendid", Rīgā, Kungu ielā 21.